# שיחות קודש

מאת

כבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל שליט״א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

❖

**שיחת ל״ג בעומר**

**בעת ה״פאראד״ ה׳תש״מ**


יוצא לאור על-ידי

**״ועד שיחות קודש״**

חמשת אלפים שבע מאות ושמונים לבריאה

שבעים  שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

## בס"ד. שיחת ל"ג בעומר בעת ה"פּאַראַד", ה'תש"מ*.

### הנחה בלתי מוגה.

**א.** [אמרו את הי"ב פסוקים ומאמרי חז"ל[1]].

**ב.** בשעת אידן קלייבן זיך צוזאַמען, ובפרט אידישע קינדער

– ובפרט נאָך, ווען זיי שטאַמען פון פאַרשידענע לענדער וואָס טיילן זיך אויס אין זייער עסן, קליידונג און שפּראַך, און שטאַמען אויך פון פאַרשידענע סאָרטן משפחות, וואָס מצד דערויף זיינען זיי פאַרשידנאַרטיק אויך אין דער ערציאונג וואָס זיי האָבן באַקומען פון זייערע עלטערן –

ווערט דורך דעם אַרויסגעבראַכט ווי אַלע אידן זיינען פאַראייניקט צווישן זיך.

אַז דער עיקר פון יעדער איינעם פון זיי איז – דאָס וואָס ער געהערט צום אידישן פאָלק, און דאָס (וואָס יעדער איינער פון זיי געהערט צום זעלבן פאָלק) שטייגט אַריבער און איז מבטל די (טפל'דיקע און אויסערליכע) אונטערשיידן וואָס זיינען דאָ צווישן זיי[2].

און דאָס ווערט נאָכמער אונטערגעשטראָכן בשעת אַז דער צוזאַמענקלייבן זיך איז פאַרבונדן מיט אַן ענין פון תורה – וואָס זי איז אַ תורה אחת, אַ איינציקע תורה, פאַר יעדער איינעם פון דעם אידישן איינציקן פאָלק, אָן קיין אונטערשייד.

**ג.** און די פאַראייניקונג פון אַלע אידישע קינדער (וואָס איז אונטערגעשטראָכן בעת זייער צוזאַמענקלייבן זיך) האָט אַ גאָר גרויסע ווירקונג אויך אויף שפּעטער,

אַז אויך נאָך דעם צוזאַמענקלייבן זיך, ווען די קינדער גייען זיך פאַנאַנדער, און יעדער איינער קומט צו זיך אַהיים, צו זיינע עלטערן – דערציילט ער זיי זיין איבערלעבונג וואָס ער האָט איבערגעלעבט מיט אַ ווילע פריער (בעת דעם צוזאַמענקלייבן זיך), אַז ער איז פאַראייניקט מיט צענדליקער טויזנטער קינדער וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע לענדער און וואָס האָבן באַקומען אַ פאַרשידענעם חינוך,

און אַז זיי אַלע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן מיט דעם זעלבן געדאַנק און מיט דעם זעלבן ציל, אויף צו פאַרשטאַרקן זייער פאַרבונד מיט אידישקייט – מיט דער איינציקער תורה וואָס איז געגעבן געוואָרן פון דעם איינציקן ג-ט, צו דעם איינציקן (אידישן) פאָלק.

**ד.** ד.ה. אַז טראָץ די אונטערשיידונג צווישן די קינדער פון איין לאַנד מיט די קינדער פון אַ צווייטער לאַנד בנוגע צו זייער עסן – וועלן זיי אַלע זיין פאַראייניקט אין דעם וואָס אַלעמען'ס עסן וועט זיין אַ כשר'ער, לויט דער אָנווייזונג פון תורה;

און טראָץ דער אונטערשיידונג אין זייער קליידונג (לויט די פאַרשידענע לענדער אין וועלכע זיי געפינען זיך) – וועלן זיי זיין פאַראייניקט אין דעם וואָס בא אַלעמען וועט זיין כשר'ע קליידער, אָן שעטנז און ענלעכס;

---

*) בסעיף י"ב ישנה הערה מכ"ק אד"ש, כדי להבדיל בינה להערות המו"ל, באה הערה זו באותיות גדולות יותר.

1) נדפסו בחוברת "י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל" (ברוקלין, תשל"ו).

2) ראה תניא פל"ב. ועוד.

און טראָג דעם וואָס זיי ריידן אויף פאַרשידענע שפּראַכן – וועלן זיי זיין פאַראייניציקט אין דעם אינהאַלט פון זייער ריידן, אַז דער עיקר פון זייער ריידן וועט זיין אין תורה[3],

וואָס משה רבינו האָט עס דאָס איבערגעזעצט "בשבעים לשון"[4], אויף אַלע שפּראַכן פון דער גאַנצער וועלט, בכדי זי זאָל דערגרייכן צו יעדער אידן, אַז אויך די אידן (סיי קינדער, סיי ערוואַקסענע) וואָס דערוויילע קען מען צו זיי ניט ריידן בלשון הקודש – זאָל מען לערנען מיט זיי תורה אויף זייער שפּראַך.

**ה.** כשם ווי דאָס איז בנוגע צו דער שפּראַך אויף וועלכע דער איד רעדט, אַז אין וואָס פאַר אַ שפּראַך ער זאָל נאָר ריידן דאַרף ער ריידן תורה, עד"ז איז אויך בנוגע צום אינהאַלט פון דעם וואָס אַ איד רעדט – אַז טראָג דעם וואָס ער רעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן (וואָס אויסערליך זיינען זיי ניט פאַרבונדן מיט תורה), דאַרף זיין די רייד אין אַזאַ אופן אַז אין זיי זאָל זיין קענטיק זיין פאַרבונד מיט תורה[5].

דער עיקר פון זיין ריידן דאַרף זיין – צו איבערזעצן און איבער'חזר'ן די רייד פון אויבערשטן וואָס ער האָט גערעדט בשעת מתן תורה,

ווי עס שטייט (פאַר די עשרת הדברות) "וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר"[6], אַז דער אויבערשטער האָט גערעדט די עשרת הדברות [וואָס אַנטהאַלטן אין זיך "את כל הדברים האלה", די גאַנצע תורה ווי זי איז דערנאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין תושב"כ און תושבע"פ[7]] אין אַזאַ אופן, אַז יעדער איד, עד סוף כל הדורות, זאָל זיי קענען איבער'חזר'ן און איבערזאָגן – "לאמר" – אין דעם אופן ווי דער אויבערשטער האָט זיי געזאָגט בעת מתן תורה[8],

אָנהויבנדיק פון דעם ערשטן דיבור[9] "אנכי ה' אלקיך", אַז זיין קראַפט און זיין לעבן ("אלקיך")[10] איז (וואָס ער גלויבט און האַלט זיך אָן אין) "אנכי ה'".

און בשעת אַז דער אָנהויבס און עיקר פון זיין ריידן איז "אנכי ה' אלקיך" – איז אַלע זיינע רייד וועלן זיין דורכגענומען מיט דעם געדאַנק פון "אנכי ה' אלקיך", אַז ער דינט דעם אויבערשטן מיט זיין גאַנצן לעבן, און "בכל דרכיך"[11] – אין אַלע זיינע זאַכן.

**ו.** און דורך דעם וואָס אידישע קינדער קלייבן זיך צוזאַמען אויף צו אָננעמען פון-דאָס-ניי דעם גלויבן אין "אנכי ה' אלקיך", און דעם לערנען זיין תורה און מקיים זיין זיינע מצוות,

איז אין צוגאָב צו דעם וואָס דאָס פאַראייניציקט יעדער איינעם פון זיי מיט אַלע אידישע קינדער וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט דאָ און אויך אין אַנדערע ערטער צוליב דעם זעלבן צוועק – ווערן זיי (יעדערער פון זיי און אַלע צוזאַמען) אויך פאַראייניציקט מיט אַלע אידישע קינדער און מיט אַלע ערוואַקסענע פון אַלע פריערדיקע דורות ביז מתן תורה,

---

3) ראה הלי' ת"ת לאדה"ז פ"ב ס"ב (וש"נ).

4) פרש"י עה"פ דברים א, ה.

5) ראה פרש"י עה"פ דברים ו, ז. הלי' ת"ת לאדה"ז פ"ג ה"ב. ועוד.

6) יתרו כ, א.

7) לקו"ת במדבר טו, ג.

8) תו"א יתרו מז, ב. לקו"ת שה"ש מב, סע"א.

9) יתרו שם, ב.

10) ראה טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח ס"ה (ס"ג). תו"א שם.

11) ל' הכתוב – משלי ג, ו. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ב.

וויבאַלד אַז זיי אַלע (די אידן שבתוך כל הדורות) האָבן דעם זעלבן אויבערשטן, די זעלבע תורה און די זעלבע מצוות.

**ז.** און דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט דעם סיום פון ערשטן דיבור, וואָס גלייך נאָך "אנכי ה' אלקיך" איז ער ממשיך "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", וואָס דאָס איז כולל[12] אויך די גאולה פון איציטקן גלות, וואָס וועט זיין "כימי צאתך מארץ מצרים"[13].

ס'איז זיכער אַז דער אויבערשטער וועט מקיים זיין זיין הבטחה צו אַרויסנעמען אונז, יעדער אידן און אַלע אידן, פון גלות[14].

אָבער אַזוי ווי מיר ווילן און מיר בעטן דעם אויבערשטן יעדער טאָג[15] אַז די גאולה זאָל קומען וואָס פריער און וואָס שנעלער, מיט דער גרעסטער זריזות און שנעלקייט וואָס עס קען נאָר זיין,

איז דורך דעם וואָס מען פאַראייניציקט זיך מיט די אידן וואָס זיינען אַרויס פון מצרים און מקבל געווען די תורה, פאַרשנעלערט מען די גאולה נאָכמער,

אַז דער זעלבער אויבערשטער וואָס האָט אַרויסגענומען דעם אידישן פאָלק פון גלות מצרים, וועט בקרוב ממש אַרויסנעמען דעם זעלבן פאָלק אויך פון איצטיקן גלות, און אין אַן אופן פון "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות".

**ח.** און אַזוי ווי דעמולט איז "הם הכירוהו תחלה"[16], אַז די ערשטע וואָס האָבן דערקענט דעם אויבערשטן זיינען געווען די אידישע קינדער (און ניט נאָר וואָס זיי האָבן אים דערקענט פריער, נאָר זייער הכרה אין דעם אויבערשטן איז געווען אויך טיפער ווי די הכרה פון די ערוואַקסענע),

און אויך באַ מ"ת זיינען די קינדער געווען די ערשטע, די ערבים (די "גאַראַנטירער")[17], וואָס צוליב זיי האָט דער אויבערשטער געגעבן די תורה צו די ערוואַקסענע,

איז די קינדער פון יענעם דור האָבן איבערגעגעבן די שליחות – און מיט אַלע איינצלהייטן – צו יעדער אידישן קינד און צו אַלע אידישע קינדער במשך פון אַלע דורות ביז צו אונזער דור,

אַז זיי דאַרפן זיין די ערשטע צו אָננעמען אויף זיך די אמונה אין אויבערשטן און צו לערנען זיין תורה און מקיים זיין זיינע מצוות,

און זיי דאַרפן אויך פועל'ן אויף זייערע עלטערן – "והשיב לב אבות על בנים – ע"י בנים"[18] – צו דערוועקן באַ זיי אַ טיפערע אמונה אין דעם אויבערשטן און אַ טיפערן פאַרבונד מיט תורה און מצוות.

און בשעת אַז די קינדער וועלן טאָן אין דעם, וועט זיי זיכער דער אויבערשטער מצליח זיין, אַז די התעוררות וואָס זיי וועלן פועל'ן אויף זייערע עלטערן, וועט אַראָפּקומען אין טאָג-טעגליכן לעבן,

---

12) ראה סמ"ק מצוה א.

13) מיכה ז, טו.

14) ראה רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה. ועוד.

15) בנוסח ברכת "את צמח דוד עבדך" ו"רצה" שבתפלת שמונה עשרה. ועוד.

16) סוטה יא, ב.

17) שהש"ר פ"א, ד.

18) מלאכי ג, כד ובפרש"י.

אַז די קינדער און די עלטערן וועלן לעבן דעם זעלבן לעבן, דעם אידישן לעבן ווי ס'איז אָנגעוויזן אין תורה, תורת חיים.

**ט.** און דורך דעם וואָס מען וועט טאָן אין דער ריכטונג, וועלן אַלע אידן נאָכמער פּאַראייניקט ווערן, אַז טראָגן דעם וואָס יעדערער וועט עס טאָן אין זיין שפּראַך, לויט זיינע געוואוינהייטן, און לויט די אומשטענדן פון דעם אָרט (שטאָט און לאַנד) אין וועלכן ער געפינט זיך,

וועלן זיי אַלע זיין פּאַראייניקט צוזאַמען, דורך אהבת ישראל, וואָס זי איז איין זאַך מיט אהבת התורה און אהבת ה"[19], ואהבת את ה' אלקיך[20],

און דאָס וועט מגלה זיין (אַנטפּלעקן) די אהבה פון אויבערשטן צו אידן – "אהבתי אתכם אמר ה'"[21].

און דורך דעם וואָס די אהבה פון אויבערשטן צו אידן וועט זיין אין אַן אָפענעם אופן, וועט במילא אויך די השפעת הטוב (פון אויבערשטן צו אידן) זיין בטוב הנראה והנגלה,

אַז במהרה בימינו ממש וועט דער אויבערשטער אַרויסנעמען אונז, יעדער אידן און אַלע אידן צוזאַמען, פון גלות, און ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, די אמת'ע גאולה און די פולע גאולה, דורך משיח צדקנו,

און ווי געזאָגט פריער – במהרה בימינו ממש.

* * *

**י.** דער טאָג פון ל"ג בעומר איז, ווי באַוואוסט, יום שמחתו פון רשב"י[22] – דער שמחה-טאָג פון דעם גרויסן תנא ר' שמעון בן יוחאי – און ער האָט געבעטן און פאַרלאַנגט[23] (און געגעבן דעם כח אויף דורכפירן דאָס) אַז דער טאָג זאָל זיין אויך דער שמחה-טאָג פון יעדער אידן און פון אַלע אידן, אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער.

און אַזוי ווי יעדער זאַך וואָס פּאַסירט אין וועלט איז בהשגחה פרטית און (במילא) אַ הוראה אין עבודת ה'[24] – איז פאַרשטאַנדיק, אַז אין צוגאָב צו דער אויבנדערמאָנטער הוראה וואָס איז דאָ אין יעדער צוזאַמענקונפט פון אידן, איז דאָ אויך אַ הוראה מיוחדת פון דעם וואָס די השגחה העליונה האָט באַשטימט אַז דער צוזאַמענקלייבן זיך זאָל זיין פאַרבונדן מיט ר' שמעון בן יוחאי,

וואָס אויך די הוראה איז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ענין פון "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים", און "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" (וואָס מ'האָט גערעדט פריער, בנוגע צו דער הוראה פון יעדער אידישן צוזאַמענקלייבן זיך).

**יא.** פון די פיל מאמרים פון ר' שמעון בן יוחאי [וואָס זיינען געוואָרן אַ טייל פון תורה, וואָס

---

19) סה"ש הש"ת ע' 2 ואילך. לקו"ש ח"ב ע' 499. "היום יום" — כח ניסן. קונטרס אהבת ישראל ע' 11. 33.

20) ואתחנן ו, ד.

21) מלאכי א, ב.

22) משנת חסידים מסי' אייר פ"א מ"ו. וראה זח"ג רפז, ב. רצא, סע"א.

23) ראה פע"ח שער ספה"ע פ"ז.

24) ראה כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות אות קיט ואילך. וש"נ.

איז אייביק אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער] איז – "כמה חביבין ישראל לפני הקב"ה שבכל מקום שגלו שכינה עמהן"[25].

בכדי צו אָפּהיטן אידן (אַלע אידן און יעדער אידן) אין גלות, און בכדי צו אַרויסנעמען זיי (דערנאָך) פון גלות ("כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות") – פאָדערט זיך ניט עס זאָל זיין "שכינה עמהן": אויך ווען דער אויבערשטער וואָלט פאַרבליבן אין די הימלען און זיין אין אַ צושטאַנד פון פולער פרייהייט – וואָלט ער געקענט פון דאָרט אָנפירן מיט דער וועלט און מיט אידן, אָפּהיטן אידן אומעטום און אַלע מאָל (וואָס "לא ינום ולא יישן שומר ישראל"[26]), געבן זיי אַלץ וואָס זיי דאַרפן האָבן, "הזן את העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים"[27] און צוהיילן זייער גאולה –

זאָגט אָבער ר' שמעון בן יוחאי, אַז מצד דער חיבה פון אויבערשטן צו אידן, איז אוממעגליך אַז בשעת אידן געפינען זיך אין גלות, זאָל ער (דער אויבערשטער) זיך געפינען אין אַן אַנדער צושטאַנד, נאָר ער איז אין גלות מיט זיי צוזאַמען.

און ניט נאָר אַז דער גלות פון אידן מאַכט אים ענג, כביכול, "בכל צרתם לו צר"[28] – ד.ה. אַז ער אַליין געפינט זיך אויף דער פרייהייט, ביז אין זיין פּאַלאַץ, און זייענדיק דאָרט "לעבט ער איבער", כביכול, דאָס וואָס אידן לעבן איבער אין גלות – נאָר "בכל מקום שגלו שכינה עמהן", אַז דער אויבערשטער אַליין איז, כביכול, אין אַ צושטאַנד פון גלות, ביז "שכינה עמהן" – אין דעם זעלבן צושטאַנד פון גלות אין וועלכן אידן געפינען זיך.

און דאָס רעדט זיך ניט נאָר וועגן כלל ישראל, נאָר אויך וועגן יעדן פרטיות'דיקן אידן, אַז בכל מקום שגלו, אין יעדער אָרט וואו אַ איד געפינט זיך אין גלות

– אין יעדער לאַנד (סיי אין חו"ל (אין "יונייטעד סטייטס", אָדער אין אַן אַנדער מדינה אין חו"ל), סיי אין ארצנו הקדושה, וואָס אויך דאָרט איז אַ מצב פון אַ געוואַלדיקן גלות), אין יעדער שטאָט, אין יעדער שכונה, און אין יעדער גאַס, ביז אין אַ גאָר ווייטן פאַרוואָרפענעם אָרט וואו עס האָט גולה געווען אַן איין און איינציקער איד –

איז מיט אים צוזאַמען, אין זעלבן אָרט און אין זעלבן צושטאַנד, געפינט זיך דער אויבערשטער.

און דער אויבערשטער קוקט אַרויס און האָפט און גלוסט אויף דער גאולה פון אַלע אידן און פון יעדער אידן, וואָס ערשט דעמולט וועט (אויך) ער אַרויס פון גלות, און גיין צוזאַמען מיט זיי (מיט יעדער אידן און מיט אַלע אידן), כמ"ש[29] "ושב ה' אלקיך את שבותך"[30], מקבל זיין פני משיח צדקנו, אין דער גאולה האמיתית והשלימה.

**יב.** איינע פון די הוראות דערפון איז:

עס זיינען דאָ אַזוינע וואָס טענה'ן: וויבאַלד אַז תורה אַליין זאָגט אַז "אתם המעט מכל העמים"[31], אַז אידן און אידישקייט זיינען אַ מינדערהייט (בכמות) לגבי גוים און גוי'שקייט –

---

25) מגילה כט, א.

26) תהלים קכא, ד.

27) נוסח ברכת המזון.

28) ישעי' סג, ט.

29) נצבים ל, ג.

30) מגילה שם. ספרי (ופרש"י) עה"פ.

31) ואתחנן ז, ז.

איז ווי פאַרלאַנגט מען פון אַ אידן, ובפרט אין זמן הגלות, אַז ער זאָל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, ניט רעכענען זיך מיט קיינע שטערונגען, ביז אפילו ניט מיט דינא דמלכותא (בשעת אַז דאָס רירט אָן אין אַ זאַך פון אידישקייט[32])?

איז דער ענטפער אויף דעם, אַז וואו אַ איד זאָל זיך נאָר געפינען – "בכל מקום שגלו", אפילו ווען ער געפינט זיך אין אַזאַ סביבה וואו ער איז אַן איין איינציקער איד וואָס איז פאַרבונדן מיט אידישקייט, מיט תורה און אירע מצוות, איז ער ניט אַליין, נאָר "שכינה עמהן" – מיט אים צוזאַמען געפינט זיך דער אויבערשטער, ווי דער אויבערשטער איז מיט זיין גאַנצן כח און מיט זיין גאַנצער מאַכט[1].

ובמילא איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז בשעת דער איד באַשליסט צו גיין אין דער וועג פון אויבערשטן דורך לערנען תורה און מקיים זיין מצוות – "ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט"[33] ("משפט" איז תורה[34], און צדקה איז כללות כל המצוות[35]),

איז ניט שייך כלל אַז עס זאָל זיין אַ זאַך וואָס זאָל קענען אָפּהאַלטן, ח"ו, דעם אויבערשטן, וואָס געפינט זיך צוזאַמען מיט דעם אידן, פון דורכפירן דעם באַשלוס אויף גיין אין דרך ה' אין טאָג-טעגליכן לעבן.

**יג.** דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט דעם באַוואוסטן וואָרט[36] פון דעם אַלטן רבי'ן וועגן ר' שמעון בן יוחאי, אַז פאַר אים איז ניט געווען דער חורבן פון בית המקדש.

ולכאורה, ווי שטימט עס דערמיט וואָס רשב"י האָט געדאַרפט אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך אין אַ מערה (הייל) צוועלף יאָר (און דערנאָך אַ דרייצנטן יאָר)[37], צוליב גזירת רומי (וואָס איז געקומען אַלס תוצאה פון דעם חורבן)?

איז די דערקלערונג אין דעם: אַז בשעת עס רעדט זיך וועגן ביהמ"ק, וועגן אידישע הייליקייטן – תורה און מצוות – איז אין דעם ניט שייך קיין חורבן ח"ו. און אויך בזמן הגלות האָט יעדער איד בכח צו זיך געפינען אין דעם רוחניות'דיקן "בית המקדש".

וואָרום וויבאַלד אַז "בכל מקום שגלו שכינה עמהן" (ווי רשב"י האָט אַרויסגעגעבן אַ הוראה צו יעדער אידן), איז אפילו ווען אַ איד געפינט זיך אין אַ מצב אַז ער דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן צוליב גזירת רומי, איז דער ביהמ"ק (ברוחניות) פאַר אים ניט חרוב געוואָרן, ס'איז ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל קענען אים אָפּהאַלטן פון זיך געפינען אין "בית המקדש" – פון לימוד התורה וקיום המצוות.

**יד.** דער אויבנדערמאָנטער ענין – אַז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט יעדער אידן וואו

---

1) ואף שאמרו "בכל מקום שגלו שכינה עמהן", שקאי על בחי' שכינה, ה"א תתאה (אגה"ת ספ"ו) – הרי ממה שמסיים שם "שהקב"ה שב עמהן", מובן, שגם הקב"ה (עצמו), עצומ"ה, עמהן, אלא שי"ל שבדרגא זו לא שייך ענין דגלות. ולהעיר – ממאמר אדה"ז [דלקמן] שלרשב"י – לא הי' ענין החורבן.

---

32) ראה אנציקלופדיי תלמודית ערך דינא דמלכותא ס"ג (ע' ש). וש"נ.

33) וירא יח, יט.

34) לקו"ת דברים א, סע"ב.

35) לקו"ת ראה כג, ג. וראה תניא פל"ז (מח, ב ואילך).

36) פלח הרמון שמות ע' ז (מהרה"ח ר' הלל מפאַריטש ששמע מהרה"ח ר' זלמן זעזמער ששמע מאדה"ז).

37) שבת לג, ב.

ער זאָל זיך נאָר געפינען, "בכל מקום שגלו" – שטייט אויך אין אַ צווייטן מאמר חז"ל (אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ביהמ"ק וואָס אין יעדער אידן): "ושכנתי בתוכם[38] – בתוך כל אחד ואחד מישראל"[39]. וואָס אין דעם מאמר חז"ל ווערט אונטערגעשטראָכן דער אויבנדערמאָנטער ענין נאָך טיפער:

ניט נאָר וואָס "שכינה עמהן", אַז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט יעדער אידן (אין דער זעלבער שטאָט און אין דער זעלבער גאַס וואו דער איד געפינט זיך), נאָר נאָכמער: "ושכנתי בתוכם", אַז דער אויבערשטער געפינט זיך (און רוהט) אין יעדער אידן, אין זיין האַרצן אינווייניק[40] [און אויך דער ענין איז גאַנץ בזמן הגלות[41]].

און וויבאַלד אַז "לבא פליג לכל שייפין"[42], אַז די האַרץ באַאיינפלוסט אַלע אברים, ביז אַז זי באַלעבט זיי – איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז ווי אַ איד דערוועקט נאָר זיין אידישע האַרץ, האָט ער די פולע מעגליכקייט צו דורכפירן אַז אַלע זיינע מעשים, אַלע דיבורים און אַלע מחשבות, זאָלן זיין אָנגעפילט מיט אידישקייט – וואָרום ס'איז ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל קענען זיך שטעלן קעגן דעם אויבערשטן וואָס געפינט זיך אין זיין אידישע האַרץ.

**טו.** ענין הנ"ל – אַז דער אויבערשטער געפינט זיך צוזאַמען מיט יעדער אידן, ביז אַז ער געפינט זיך אין אים אינווייניק (אין זיין אידישע האַרץ), אויך בזמן הגלות – ווערט פאַרשטאַרקט נאָכמער, דורך דעם וואָס יעדער איד פאַרמאָגט די תורה:

אויף תורה שטייט (ווי געזאָגט פריער אין די י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל) "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"[43]. אַז יעדער איד, ווי ער ווערט נאָר געבאָרן[44], האָט ער בירושה די גאַנצע תורה וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן דורך משה רבינו.

און וויבאַלד אַז אויף תורה זאָגט דער אויבערשטער "ויקחו לי[45] – אותי אתם לוקחים"[46], אַז דורך דעם וואָס מען נעמט די תורה נעמט מען דעם אויבערשטן – איז דורך דעם אַליין וואָס יעדער איד האָט די גאַנצע תורה (בירושה, גלייך ווי ער ווערט געבאָרן, נאָך איידער ער לערנט תורה), האָט ער מיט זיך דעם אויבערשטן.

און דורך דעם וואָס ער לערנט די תורה, אָנהויבנדיק פון דעם פסוק "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב" – וואָס דאָס הויבט מען אָן צו לערנען מיט אַ אידיש-קינד גלייך ווי ער פאַנגט אָן צו ריידן[47] – ווערט דורך דעם אַנטפּלעקט (נאָכמער) זיין פאַרבונד מיט דער תורה און מיטן אויבערשטן וואָס "אורייתא וקוב"ה כולא חד"[48].

און די ידיעה (אַז דורך דעם וואָס ער לערנט תורה און איז מקיים אירע מצוות האָט ער

---

38) תרומה כה, ח.

39) ראה ראשית חכמה שער האהבה פ"ו קרוב לתחילתו (ד"ה ושני פסוקים — סט, ב). אלשיך עה"פ קרוב לסופו (ד"ה עוד יתכן). של"ה סט, א. רא, א. שכה, ב. שכו, ב. וראה לקו"ש חכ"ו ע' 83. ע' 173.

40) ראה לקו"ת אמור לב, ג.

41) ראה שהש"ר פ"ה, ב.

42) ראה זהר ח"ב קנג, א. ח"ג קסא, ב. רכא, ב (ברע"מ). רלב, א (ברע"מ). תניא אגה"ק סל"א. תו"א בראשית ז, ד. לקו"ת שה"ש כט, ב ואילך. לא, א ואילך.

43) ברכה לג, ד.

44) ראה נדה מג, סע"ב ואילך.

45) תרומה כה, ב.

46) ויק"ר פ"ל, יג (בנוגע למצוות). וראה שמו"ר פל"ג, א. שם, ו. וראה תניא פמ"ז (סז, א).

47) סוכה מב, א. הל' ת"ת לאדה"ז רפ"א. וש"נ.

48) ראה זח"ג עג, א. וראה שם צג, ב.

מיט זיך דעם אויבערשטן), גיט אים דעם כח נאָכמער, אויף ניט רעכענען זיך מיט קיינע שוועריקייטן, און שטאַרקן זיך נאָכמער אין לימוד התורה וקיום המצוות – "ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט" (וואָס "משפט" איז תורה, און "צדקה" איז כללות כל המצוות).

**טז.** און דאָס ברענגט בקרוב ממש אַז עס ווערט מקוים דעם אויבערשטן'ס הבטחה "ציון במשפט תפדה ושבי' בצדקה"[49].

און דורך דעם וואָס אַ איד טוט עס בזריזות, ער היילט זיך אין לימוד התורה וקיום המצוות – היילט זיך אויך דער אויבערשטער צו אַרויסנעמען פון גלות, זיך און אידן (יעדער איד און אַלע אידן),

גאַנצערהייט געזונטערהייט און פריילעכערהייט – "ושמחת עולם על ראשם"[50], אין דער אמת'ער און אין דער פולסטער גאולה, דורך משיח צדקנו.

* * *

**יז.** נאָך אַן ענין אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר – וואָס ער איז איינער פון די טעג פון ספירת העומר [וואָס דאָס זיינען די טעג וואָס (זיינען צווישן און) פאַרבינדן זמן חירותנו מיט חג השבועות זמן מתן תורתנו, די צייט ווען דער אויבערשטער גיט די תורה צו יעדער אידן גלייך ווי ער ווערט געבאָרן. ווי גערעדט פריער (סט"ו) בנוגע צו "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב", אַז גלייך ווי אַ קינד ווערט געבאָרן, ירש'נט ער די גאַנצע תורה], וואָס דער טייטש פון ספירה-טעג איז – טעג וואָס מען דאַרף זיי ציילן.

**יח.** פון די הוראות וואָס מען דאַרף אָפּלערנען דערפון:

דער טבע פון אַ מענטשן איז, אַז בשעת ער האָט אַ טייערע זאַך, האַלט ער דאָס אין איין ציילן, בכדי עס זאָל ניט גיין פאַרלאָרן קיין טייל פון דער זאַך.

וואָרום בשעת די זאַך איז ביי אים טייער, איז ביי אים טייער אויך אַ טייל פון דער זאַך, ביז אפילו אַ גאָר קליינער טייל. און דעריבער ציילט ער אַלע טיילן פון דער זאַך, בכדי אַז קיין טייל, אפילו אַ גאָר קליינער טייל, זאָל ניט גיין פאַרלאָרן.

אוז דאָס איז די הוראה פון די ספירה-טעג[51]: די טייערסטע זאַך וואָס דער אויבערשטער גיט צו אַ אידן איז – צייט. דאַרף דעריבער אַ איד אָפּשאַצן די טייערקייט פון דער מתנה, ער דאַרף ציילן יעדער טאָג וואָס דער אויבערשטער האָט אים געשאָנקען, און זיך משתדל זיין אַז יעדער טאָג וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן (כמ"ש[52] "ימים יוצרו גו'"[53]) זאָל (ניט גיין פאַרלאָרן ח"ו, נאָר) זיין אָנגעפילט[54]. און דאָס ברענגט אים צו ציילן און צו אָנפילן יעדער טייל פון די טעג, יעדער שעה ביז צו יעדער רגע.

**יט.** מיט וואָס דאַרף מען אָנפילן די צייט – איז אויך דאָס לערנט אונז ספירת העומר. און אין דעם זיינען דאָ צוויי פרטים:

49) ישעי' א, כז.
50) ישעי' לה, י. נא, יא.
51) בהבא לקמן — ראה לקו"ש ח"ז ע' 279 ואילך. ח"ו ע' 253 ואילך. ושי"נ.
52) תהלים קלט, טז.
53) ראה זח"א צט, א. רכד, סע"א. רלג, ב.
54) ראה תו"א משפטים עט, סע"ב. וראה לקו"ש חט"ז ע' 273. ושי"נ.

א) דער ציילן יעדער טאָג לעומר – איז אַ מצוה[55]. און דורך דעם וואָס מען ציילט דעם טאָג – מאַכט מען פון דעם טאָג אַ מצוה-טאָג[56]. ב) די ציילונג פון די טעג פון ספה"ע איז פאַרבונדן מיט חג השבועות, זמן מתן תורתנו. ד.ה. אַז די ציילונג פון די טעג איז – דאָס וואָס מען וואַרט און מען בענקט אויף צו ווערן נענטער און נענטער צו מקבל זיין די תורה[57].

און פון דעם לערנט מען אָפּ בנוגע צו די טעג פון דעם גאַנצן יאָר, אַז יעדער טאָג (און יעדער טייל פון טאָג, ביז צו יעדער רגע) דאַרף זיין אָנגעפילט מיט אידישקייט (מיט תורה, מיט אַ מצוה, אָדער מיט בכל דרכיך דעהו), און אויסנוצן יעדער רגע אין אַזאַ אופן אויף צו ווערן נענטער צו קבלת התורה.

**כ.** די אויפפירונג צו ציילן יעדער טאָג (און אויך יעדער טייל פון טאָג) האָט אין זיך נאָך אַ מעלה – אַז זי ברענגט צו זריזות[58]: אַז בשעת מען האָט אַ מעגליכקייט צו טאָן אַ גוטע זאַך וואָס איז פאַרבונדן מיט אידישקייט – לייגט מען דאָס ניט אָפּ אויף שפּעטער נאָר מען טוט עס אָפּ גלייך.

און די הנהגה דאַרף מען זיך איינגעוואוינען ווען מען איז נאָך גאָר קליין: בשעת אַ קליינער אינגעלע אָדער אַ קליינע מיידעלע קענען טאָן אַ גוטע זאַך, זאָל ער (צי זי) ניט אָפּלייגן דאָס אויף מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, נאָר טאָן דאָס גלייך.

און דורך דעם וואָס אַ איד טוט בזריזות דאָס וואָס ער דאַרף טאָן, פועל'ט עס, אַז אויך דער אויבערשטער וועט טאָן בזריזות דאָס וואָס ער דאַרף טאָן, אַז ער וועט אונז אַרויסנעמען פון גלות מיט דער גרעסטער זריזות, אַז דער "אחישנה"[59] גופא וועט זיין מיט דער גרעסטער שנעלקייט.

**כא.** די שייכות מיוחדת פון דער אויבנדערמאָנטער הוראה (פון אַלע טעג פון ספה"ע) מיטן טאָג פון ל"ג בעומר, וואָס איז אַ יום שמחה, ביז צו אַ שמחה גדולה[22]: בשעת אַ איד נוצט אויס יעדער טאָג און יעדער רגע אויף אידישקייט, אויף צו מאַכן פון דער וועלט אַ דירה צום אויבערשטן,

ווערט דערפון אַ שמחה ביים אויבערשטן – "ישמח ה' במעשיו[60]", אַז דער אויבערשטער פרייט זיך מיט די זאַכן וואָס ער האָט באַשאַפן, דורך דעם וואָס עס האָט זיך אויסגעפירט דער תכלית צוליב וועלכע זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, "בשביל ישראל" און "בשביל התורה"[61]; און דאָס פאַרשאַפט אויך שמחה באַ אידן – "ישמח ישראל בעושיו"[62], אַז אַ איד פרייט זיך מיט דער שמחה וואָס דער אויבערשטער איז פריילעך פון דעם וואָס אידן, דורך לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, האָבן געמאַכט פאַר אים אַ דירה (ווי דערמאָנט פריער, אין די י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל).

---

55) אמור כג, טו. וראה סהמ"צ להרמב"ם מ"ע קסא. רמב"ם הל' תמידין ומוספין פ"ז הכ"ב. שו"ע אדה"ז ר"ס תפט. ועוד.

56) ראה בארוכה סה"ש תנש"א ח"א ע' 452 ואילך. **וש"נ.**

57) ראה ספר החינוך מצוה שז. ר"ן סוף מס' פסחים.

58) וראה אגה"ק סל"א.

59) ישעי' ס, כב. וראה סנהדרין צח, ב.

60) תהלים קד, לא.

61) פרש"י ר"פ בראשית. ובכ"מ.

62) תהלים קמט, ב. וראה תניא ספל"ג.

**כב.** וויבאַלד אַז די טעג פון ספה"ע זיינען פאַרבונדן מיט זמן מתן תורתנו, ווי דערמאָנט פריער (סי"ט),

איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז כשם ווי מ"ת האָט זיך אָנגעפאַנגען פון די קינדער, ווי דערמאָנט פריער (ס"ח), עד"ז איז אויך בנוגע צו דער אויבנדערמאָנטער הוראה פון ספה"ע, די צוגרייטונג צו מ"ת:

אַז די קינדער דאַרפן זיין די ערשטע וואָס זאָלן טאָן אין דער אויבנגעזאָגטער ריכטונג, צו אָנפילן די צייט מיט תורה און מצוות, און טאָן דאָס בשמחה;

און מעורר זיין אויך זייערע עלטערן, אַז אויך זיי זאָלן ניט נאָר אָנפילן די צייט מיט תורה און מצוות, נאָר אויך טאָן דאָס בשמחה, ביז צו שמחה גדולה, ביז צו שמחה גדולה (אַזוי ווי דער טאָג פון ל"ג בעומר, וואָס ער איז ניט נאָר אַ יום שמחה סתם, נאָר אַ טאָג פון שמחה גדולה).

און דאָס וועט אַריינברענגען די אמת'ע שמחה אויך אין וועלט, וואָס די אמת'ע שמחה פון וועלט וועט זיין ווען דער אויבערשטער וועט אַרויסנעמען אידן פון גלות – "בשוב ה' את שיבת ציון גו' אז ימלא שחוק פינו"[63]: כל זמן אידן זיינען אין גלות, איז די גאַנצע וועלט אין גלות, און זי פירט זיך ניט ווי זי דאַרף זיין, ובמילא קען אין איר ניט זיין קיין שמחה,

און בשעת אַז אידן וועלן אַרויס פון גלות, און בשמחה ובטוב לבב – "ושמחת עולם על ראשם"[50], ערשט דאַן וועט אויך די וועלט אַרויס פון גלות, און עס וועט זיין אין איר די אמת'ע שמחה.

**כג.** און בכדי צו צוהיילן דעם אַרויסגיין פון גלות, און בשמחה – איז דאָס דורך דעם וואָס נאָך איצטער (אין זמן הגלות) ווייס אַ אידישער קינד אַז בנוגע צו תורה און מצוות איז אויף אים קיינער קיין בעה"ב ניט[64], און ער ווערט ניט נתפעל פון דעם וואָס ניט אידישע קינדער זיינען מער אין צאָל פון אידישע קינדער ("אתם המעט מכל העמים"[31]),

און ער פועל'ט אויך אויף זיינע עלטערן אַז זיי זאָלן אַרויסגיין פון דעם גלות און זיך פירן ווי פרייע אידן (ווי עס שטייט בנוגע צו די לוחות "חרות על הלוחות[65], אל תקרי חרות אלא חירות"[66]), וואָרום אידן זיינען עבדים פון דעם אויבערשטן – עבדי אתם[67], ובמילא זיינען זיי צו קיינעם ניט משועבד[68];

איז דורך דעם וואָס אידן נעמען זיך אַרויס פון גלות (נאָך זייענדיק בזמן הגלות), און מען דינט דעם אויבערשטן בשמחה ובטוב לבב,

דורך דעם היילט מען צו דעם אַרויסגיין פון גלות כפשוטו, און – בשמחה ובטוב לבב.

וואָס דאַן, איז ניט נאָר דער טאָג פון ל"ג בעומר, נאָר אויך אַלע טעג פון ספירה, וואָס (איצטער) זיינען זיי פאַרבונדן מיט אַ הנהגה פון ניט שמחה[69], ביז אפילו די טעג וואָס זיינען

63) תהלים קכו, א-ב. וראה ברכות לא, א. טושו"ע או"ח סתק"ס ס"ה.

64) ראה שיחת ג' תמוז תרפ"ז (סה"מ ע' קצו).

65) תשא לב, טז.

66) אבות פ"ו מ"ב.

67) פרשתנו (בהר) כה, מב. נה.

68) ראה תו"כ (הובא בפרש"י) עה"פ. ב"מ י, א.

69) טושו"ע ודאדה"ז סתצ"ג.

פאַרבונדן גאָר טיף מיטן גלות, וועלן זיי איבערגעקערט ווערן למועדים ולימים טובים[70], גאָר אינגיכן, בקרוב ממש.

**כד.** און די הכנה צו דעם איז – די הנהגה וואָס מען לערנט אָפּ פון ספירת העומר:

דורך דעם וואָס אַ איד ציילט די טעג, און די חלקים פון די טעג (שעות און רגעים), און פילט זיי אָן מיט תומ"צ – דורך דעם, ציילט דער אויבערשטער יעדער מעשה און יעדער טאָג פון יעדער אידן באַזונדער,

און ער גייט מיט יעדער אידן צוזאַמען צו קבלת התורה בשמחה ובפנימיות,

און נאָך פאַר דעם – צו דער גאולה האמיתית והשלימה,

וואָס דעמולט וועט מען מקיים זיין די מצוה פון ספה"ע בשלימות – מן התורה, וויבאַלד אַז מ'וועט דעמולט מקריב זיין דעם קרבן עומר[71], בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש.

* * *

**כה**[72]. עס איז אויך דאָ אַ ספּעציעלע אָנווייזונג און אַ שליחות פון דעם צוזאַמענקלייבן זיך, און פון דעם טאָג, ל"ג בעומר, פאַר די אַלע וועלכע געפינען זיך דאָ וואָס זיינען געקומען פון רוסלאַנד, אָדער פון אַנדערע מדינות מאחורי מסך הברזל.

די אידן פון רוסלאַנד און ענליכע מדינות האָבן געזעהן, און זעהן אויך איצטער, ווי דער אויבערשטער האָט זיי באַהיט און אויסגעהיט,

אַז ניט קוקנדיק אויף דערויף וואָס זיי זיינען אויסגעוואַקסן אין אַ רעזשים, וועלכער דערלאָזט ניט שוין מער פון זעכציק יאָר עס זאָל זיין אַ אידישער חינוך אין אַ גרויסן און פאַנאַנדערגעשפּרייטן אופן –

געפינען זיי זיך דאָ, ועד"ז אין אַנדערע מדינות וואו עס זיינען דאָ פאַראַדן פאַרבונדן מיט ל"ג בעומר, און מיט רשב"י,

און זיי געפינען זיך צוזאַמען מיט די קינדער, מיט זין און מיט טעכטער.

וואָס דאָס באַווייזט דעם כח פון אמת'ע אידישקייט און דעם כח פון דעם אידישן פאָלק – אַז ניט קוקנדיק אויף וועלכן גלות עס זאָל נאָר זיין, אָדער וועלכער רעזשים עס זאָל נאָר זיין – איז אויב אידן האָבן נאָר מחליט געווען מיט דעם פולן כח צו זיין "ושמרו דרך ה'"[33] – גיין אויף דעם אויבערשטן'ס וועג ווי אָנגעוויזן אין זיין הייליקער תורה, דורך מקיים זיין זיינע הוראות, זיינע הייליקע מצוות – איז דעמולט באַזיגן זיי סוף כל סוף אַלע שוועריקייטן.

ביז אַז זיי געפינען זיך צוזאַמען מיט טויזנטער אידישע ברידער און שוועסטער, וועלכע קומען אויך מיט זייערע קינדער,

און אַלע צוזאַמען גיבן אָפּ כבוד דער תורה בכלל, און גיבן אָפּ כבוד איינע פון די ריזן, פון די גרויסע, גאָר גרויסע תנאים – רבי שמעון בן יוחאי, וועלכער איז געשטאַנען מיט מסירת נפש, און האָט איינגעשטעלט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, ביז זיין עצם לעבן, בכדי אַז אמת'ע

70) ראה זכרי' ח, יט. רמב"ם הל' תעניות בסופן. ועוד.

71) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סתפ"ט ס"ב. ושי"נ. וראה ס' השיחות תנש"א ח"א ע' 459. ושי"נ.

72) מכאן ועד סו"ס ל — הוא תרגום מרוסית.

אידישקייט זאָל אויסגעהיט ווערן אין זיין צייט, און עס זאָל דערנאָך איבערגעגעבן ווערן צו אַלע אידן אין די דורות נאָך אים.

**כו.** וואָס דערפון נעמט מען אַרויס די אָנווייזונג, און די שליחות און הייליקע שליחות פון אַלע וועלכע געפינען זיך דאָ, כולל ובפרט פון די וועלכע זיינען אָנגעקומען פון רוסלאַנד אָדער פון רומעניא, אָדער ענליכע מדינות – אַז זיי זאָלן מכריז זיין צווישן אַלע אידן מיט דער אידישער שטאָלצקייט און אידישער אָפּענהאַרציקייט – אַז יעדער איד קען לעבן אַ אידישן לעבן, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינע שטרויכלונגען און שוועריקייטן,

און סוף כל סוף באַזיגט ער, און באַזיגט בעיקר אין דעם, אַז ער היט אויס און לעבט מיט אידישקייט, און ניט נאָר באַ זיך אַליין, נאָר אויך באַ זיינע קינדער, זין און טעכטער.

וואָס דאָס טוען זיי אויף דורך דערויף וואָס זיי באַווייזן אַ לעבעדיקןביישפּיל, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן, זיינען זיי ניט נאָר ממשיך צו לעבן לויט די אָנווייזונגען פון תורה, און משפר זיין דעם אופן החיים געפינענדיק זיך אויך פון דער זייט פון מסך הברזל – נאָר זיי זיינען נאָך מוסיף אין דעם.

און דורך דעם וואָס זיי באַווייזן אַ לעבעדיקן ביישפּיל, ווירקן זיי אויף דער גאַנצער סביבה אַרום זיי.

**כז.** ונוסף לזה – פאַרשפּרייט זיך זייער ווירקונג, און דאָס העלפט און גיט חיות צו אַלע זייערע קרובים און אַלע אידן וועלכע געפינען זיך נאָך אין יענע מדינות – אַז זיי זאָלן ח"ו ניט פאַרלירן די האָפענונג, און זיי זאָלן ממשיך זיין האַלטן מיטן גאַנצן כח די הייליקע תורה, און מקיים זיין אירע אָנווייזונגען און מצוות,

און זיי האָבן די הבטחה פון דעם אויבערשטן, אַז בקרוב ממש וועט ער זיי אַרויספירן פון גלות.

וואָס אויף דערויף האָט מען אויך אַן אָנווייזונג פון רשב"י (ווי גערעדט פריער (סי"א)), אַז "חביבין ישראל שבכל מקום שגלו שכינה עמהן":

דער אויבערשטער געפינט זיך און רוהט מיט יעדערן פון אונז, און אין האַרצן פון יעדערן פון אונז, אָן חילוקים: צי מ'געפינט זיך אין יונייטעד סטייטס, צי אין אייראָפּעישע רוסלאַנד, צי אין אַזיאַטישע רוסלאַנד; צי מ'לעבט דאָרטן פריי (לפי ערך), צי מ'געפינט זיך אין פאַרשיקונג – געפינט זיך דער אויבערשטער אַליין מיט יעדער זון אָדער טאָכטער פון אידישן פאָלק, און ער היט אים, און גיט אים כח צו איבערלעבן די אַלע שוועריקייטן,

און כח צו דערוואַרטן זיך במהרה בימינו צו דער גאולה – די באַפרייאונג פון גלות אומעטום, כולל אויך, כמובן מעצמו – די באַפרייאונג פון גלות אין יענע מדינות.

**כח.** אין דער שליחות הנ"ל קומט צו נאָך אַ נקודה:

מ'דאַרף איבערגעבן אַלע אידישע קינדער וועלכע געפינען זיך אין רוסלאַנד – אַז ווען עס קומט אַ זון אָדער אַ טאָכטער, אַ קליינער איד אָדער אַ קליינינקע אידענע, צו זיין פאָטער אָדער מוטער, און בעט באַ זיי אַז זיי זאָלן מיט אים (אָדער איר) לערנען אידישקייט, לערנען תורה ומצוות – איז דער חוק פון סאָוועטישער רוסלאַנד, גאַראַנטירט פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע (פאַרצייכנט און אָפּגעדרוקט אומעטום), זאָגט צו און פאַרהיט און ווייזט אָן

פאַר אַלע מאַכטן, ביז פאַר דער מיליציע פון דער גאַס, אָדער געסעלע – אַז אַ פאָטער אָדער אַ מוטער קען לערנען תורה מיט זייער זון אָדער טאָכטער אין דער פולער מאָס, כולל אויך – קיום המצוות אין טאָג-טעגליכן לעבן,

און קיינער טאָר זיי ניט שטערן.

און די אַלע וועלכע שטערן דערצו, צי דאָס איז אַ מיליציאַנער, צי אַ העכערע מאַכט – טוען עס קעגן דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, קעגן די סאָוועטישע חוקים,

און בהתאם מיט די סאָוועטישע חוקים דאַרף מען זיי רודף זיין און משפט'ן מיט די אַלע עונשים וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט עובר זיין אויף די סאָוועטישע חוקים און קאָנסטיטוציע.

נאָך מער: אויך לעתיד – פאַרהיט און פאַרטיידיגט די מאַכט ניט צו שטערן דעם אידישן פאָטער אָדער זיידע, מוטער אָדער באָבע, לערנען מיט די זין און טעכטער אַלע וואָס די אידישע תורה ווייזט אָן, און אויך ניט צו שטערן אַז זיי זאָלן ווייזן די קינדער אַ לעבעדיקןביישפיל ווי מ'דאַרף מקיים זיין מצוות.

און די אַלע וועלכע זאָגן אַנדערש, אָדער פירן אַ פראָפּאַגאַנדע – איז דאָס שקר גמור, וועלכע קען קלאָר-ווערן דורך דעם וואָס מ'וועט אַ קוק טאָן און איבערליינען די סאָוועטישער קאָנסטיטוציע און דעם סאָוועטישן חוק.

ס'איז נאָר וואָס די וואָס שטערן דערצו – נוצן אויס דאָס וואָס עס זיינען דאָ אַזוינע וועלכע ווייסן ניט וועגן דעם חוק, און ווייסן ניט וועגן דעם פונקט אין דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע.

און ס'איז שוין געקומען די צייט מען זאָל מכריז זיין וועגן דעם חוק.

און מסתמא וועלן די יורידישע עקספּערטן אין רוסלאַנד באַשטעטיקן אַלע אויבנגעזאָגטע. און איך האָף אַז די טראַנסמיסיע (שידור) הערט זיך אויך אין סאָוועטישער רוסלאַנד אין אַ סאַך ערטער,

און זיי האָבן די מעגליכקייט, צי היינט אין ל"ג בעומר, אָדער אויף מאָרגן נאָך ל"ג בעומר, אָדער נאָך שפּעטער, אָבער סוכ"ס וועלן זיי דאָס דערהערן, און אַ קוק טאָן און דורכלערנען דעם חלק פון סאָוועטישער קאָנסטיטוציע.

וואָס דאָ נויטיקט זיך ניט קיין לימוד, וואָרום דאָס איז מפורש מיט פשוט'ע קלאָרע אויסדרוקן – אַז יעדער פאָטער און מוטער, יעדער זיידע צון באָבע, קען מחנך זיין זייערע קינדער און אייניקלעך ווי ער וויל.

און די וועלכע שטערן דערצו – זיינען פאַרברעכער! וואָרום זיי זיינען עובר אויף די סאָוועטישע חוקים,

און דערפאַר דאַרף מען זיי אַראָפּנעמען פון זייערע פּאָסט'ן, און אַוועקזעצן אויף זייערע פּלעצער אַזוינע וועלכע וועלן אויסהיטן די סאָוועטישע חוקים אין דעם זינען, און אַזוינע וואָס וועלן ניט נאָר ניט שטערן מחנך זיין קינדער בהתאם צום רוח פון אמת'ער אידישקייט לויט די הייליקע תורה און אירע מצוות – נאָר זיי וועלן היטן און אַרויסהעלפן אין דעם.

**כט.** ויהי רצון אַז דאָס אַלע זאָל העלפן דערצו אַז בקרוב ובמהרה בימינו ממש וועלן מיר

אַלע, כולל אויך די אידן וועלכע געפינען זיך אין יענע מדינות, גיין מקבל זיין משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה,

און כולל אויך (ווי גערעדט פריער) – אַז דאָס וועט ברענגען אַ אמת'ע גאולה און פולע פרייהייט פאַר אַלע אומות העולם, אין יונייטעד סטייטס, אין רוסלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט, על יסוד פון אמת'ן שלום,

דורך דעם וואָס יעדערער וועט האָבן זיין פולע פרייהייט אין טאָג-טעגליכן לעבן, וואָס דאָס איז דאָך דער אידעאַל פון יעדערן און פון אַלעמען: לעבן פריי, אָן ענגשאַפט און אָן רדיפות, האָבן אַן אמת'ע פרייהייט אין לעבן, מיט אַן אייגענעם לעבן, און יעדערער בהתאם צו זיין רצון, און צו זיין געבאָרענעם נאַטור און עצם און טראַדיציע.

ועד"ז בנוגע צום אידישן פאָלק – אַז יעדער איד, אָן קיין יוצא מן הכלל זאָל האָבן אַ פרייהייט אין לעבן בהתאם צו דער אידישער טראַדיציע, וואָס ציט זיך במשך פון טויזנטער יאָרן.

און נאָר דעמולט וועט זיין אַן אמת'ע פרייהייט, וויבאַלד אַז זי איז בהתאם צו תורת אמת, וועלכע איז געגעבן געוואָרן פון דעם אויבערשטן, וועלכער פירט אָן מיט דער גאַנצער וועלט אין אַלע אירע פרטים.

און די אמת'ע, פולע פרייהייט וועט זיין אין גוטן און פולן געזונט, אין אַ אמת'ן שלום לעבן, ובשמחה ובפנימיות,

אָנהויבנדיק מיט אַן אמת'ע פרייהייט, וועלכע וועט ברענגען אמת'ע שמחה אין טאָג-טעגליכן לעבן, און דערנאָך נמשך ווערן אויף שפּעטער לדורי דורות.

**ל.** ובקרוב ממש וועלן מיר אַלע באַגעגענען משיח צדקנו, און יעדער איד און אַלע אידן וועלן זיך אומקערן מיט אים צוזאַמען אין אונזער הייליקער לאַנד, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[73], די לאַנד וועלכע ווערט געהיט דורך דעם אויבערשטן יעדן טאָג ובמשך פון דעם גאַנצן יאָר, און ווערן געהיט דורך אים אין אַלע הינזיכטן.

און דאָס ווערט צוגעהאָלפן און פאַרשנעלערט דורך דערויף וואָס יעדער רוסישער איד און אידישע פרוי, וועלכע געפינען זיך שוין דאָ אין יונייטעד סטייטס, אָדער אין ענליכע מדינות וועט ווייזן אַ דוגמא חי' אַז זיי זיינען נאָכמער פאַרבונדן מיט אידישקייט און מיט תורה ומצוותי' אין טאָג-טעגליכן לעבן, ובמיוחד בנוגע צו דעם חינוך פון אַלע זייערע קינדער.

און אַלע אידישע קינדער, אָנהויבנדיק פון קליינע אינגעלעך און מיידעלעך, אָן חילוקים, וועלן ניט נאָר אַליין גיין בדרך ה', אין דער וועג וועלכע איז אָנגעוויזן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן, דורך דעם וואָס זיי וועלן לערנען תורה און מקיים זיין אירע אָנווייזונגען – נאָר זיי וועלן אויך קומען צו זייערע פאָטערס און מוטערס, און זיי וועלן באַ זיי מאָנען אַז זיי זאָלן נאָכמער מוסיף זיין אין אידישקייט – אין דער אידישער הנהגה פון דער גאַנצער שטוב, און ספּעציעל אין דעם אידישן חינוך פון זייערע קינדער,

73) עקב יא, יב.

און טאָן דאָס אַלץ בשמחה ובטוב לבב, מיט שמחה און מיט חיות, וואָס דאָס וועט ברענגען הצלחה אין דעם אַלעם נאָך אין אַ גרעסערע מאָס[74].

* * *

**לא.** ס'איז דאָך "אעלה את ירושלים על ראש שמחתי"[75] – אַז אין יעדער שמחה דאַרף מען דערמאָנען ירושלים[76], און דאָס דאַרף זיין "ראש שמחתי" – דער אָנהויב און די קאָפּ פון דער שמחה, און נאָכמער: דאָס דאַרף זיין אין אַן אופן פון "אעלה", אַז די דערמאָנונג פון ירושלים זאָל זיין אין אַזאַ אופן אַז זי שטייט העכער פון אַלע ענינים פון דער שמחה (העכער אויך פון "ראש שמחתי") –

איז אַזוי ווי מען האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אין יום שמחתו פון רשב"י, וואָס דאָס איז אַ שמחה גדולה – וועט מען אָנפאַנגען דעם "אעלה את ירושלים על ראש שמחתי" מיט אַ מאמר פון רשב"י, פון וועלכן מען קען אָפּלערנען אַ הוראה בנוגע צו דעם מצב פון ירושלים אין אונזער צייט

[וואָרום וויבאַלד אַז דער מאמר איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין תושבע"פ, איז דאָס (ווי אַלע ענינים פון תורה) אַ הוראה נצחית פאַר אַלע דורות]:

"כל מה שתקנו לא תקנו אלא לצורך עצמן"[77] – אַז אַלע גוטע זאַכן וואָס אומות העולם מאַכן (פאַר אידן[78]) טוען זיי עס נאָר צוליב זייער אייגענער טובה.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז בכדי די אומות העולם זאָלן אַרויסהעלפן אידן – איז עס דוקא בשעת זיי ווייסן אַז דאָס איז זייער אייגענע טובה. און בשעת אַז עס קומט צוגיין אַזאַ וואָס פאַרשטייט ניט און רעדט זיי איין אַז זייער טובה פאָדערט אַנדערש – ווערט דאַן בטל דער "חסד לאומים"[79], די הילף וואָס מען באַקומט פון זיי.

און וויבאַלד אַז "לב מלכים ושרים ביד ה'"[80] – דאַרף מען האָבן, אַז דער אויבערשטער זאָל זיי אַריינגעבן דעם ריכטיקן געדאַנק, אַז דוקא זייער העלפן אידן וועט זיין פאַר זיי אַ טובה.

און דעריבער דאַרף מען וויסן אַז "אנו אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים"[81], אויף דעם אויבערשטן דער "שומר ישראל" – וואָס "לא ינום ולא יישן שומר ישראל"[26] – אַז ער וועט מאַכן די פאַסענדע כלים אַז די אומות זאָלן באַגרייפן דעם אמת (אַז העלפן אידן איז פאַר זיי אַ טובה), און דאַן וועלן זיי אַרויסהעלפן אידן אין אַלץ וואָס אידן דאַרפן.

**לב.** און וויבאַלד אַז "אנו אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים" – איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז מען דאַרף פאַרשטאַרקן דעם פאַרבונד מיט "אבינו שבשמים", דורך מוסיף זיין אין לערנען זיין תורה און מקיים זיין אירע מצוות,

און וויבאַלד אַז דער אויבערשטער צאָלט אָפּ "מדה כנגד מדה" – און באַ "מדה טובה" גיט

74) ראה סה"ש תשי"ז ע' 122. וש"נ. לקו"ש חכ"ד ע' 320. סה"ש תשנ"ב ח"ב ע' 388. ובכ"מ.

75) תהלים קלז, ו.

76) ראה רמב"ם הל' תעניות פ"ה הי"ג. טושו"ע סתק"ס ס"ב.

77) שבת לג, ב.

78) ראה חדא"ג מהרש"א לשבת שם.

79) ל' הכתוב – משלי יד, לד. וראה ב"ב י, ב.

80) ע"פ ל' הכתוב – משלי כא, א. וראה לקו"ש חי"ג ע' 285 הע' 1. וש"נ.

81) ראה משנה סוף מס' סוטה.

דער אויבערשטער (טאָקע "באותה מדה", אין דעם זעלבן ענין, אָבער) אַ סאַך מער פון דעם וואָס מען טוט[82] – איז בשעת אַ איד איז מוסיף אין טאָן דעם אויבערשטן'ס רצון, איז דער אויבערשטער מוסיף – און כמה פעמים ככה – אין דעם "יעשה רצונך כרצונו[83]", צו געבן דעם אידן אַלץ וואָס ער דאַרף "בעין יפה[84]".

**לג.** וויבאַלד אַז די השפעה פון אויבערשטן איז (ווי געזאָגט פריער) "באותה מדה" – איז פאַרשטאַנדיק, אַז בכדי צו פועל'ן דעם "יעשה רצונך כרצונו" בנוגע צום מצב הבטחוני פון ארץ ישראל (וואָס דאָס איז דער פאַרבונד מיט "אעלה את ירושלים על ראש שמחתי", וואָרום ירושלים איז די הויפּט-שטאָט פון גאַנץ ארץ ישראל) – דאַרף מען צום אַלעם ערשטן מקיים זיין דעם אויבערשטן'ס ציווי בנוגע צו דעם ענין:

ס'איז אַ קלאָרער פסק דין אין שלחן-ערוך אורח חיים [די וועג פון אמת'ן לעבן] אין הלכות שבת [וואָס דער גאַנצער יאָר איז "שבת לה'"[85]] סימן שכ"ט[86] ווי די הנהגה דאַרף זיין אויף באַוואָרענען דעם מצב הבטחוני, אַז מען טאָר ניט אָפּגעבן צו אַ ניט-אידן קיין זאַך וואָס קען אָנרירן די זיכערקייט פון ארץ ישראל.

איז בשעת אַ איד שטעלט זיך אויף דעם מיט דער גאַנצער שטאַרקייט – וואָרום דאָס איז ניט זיין שטאַרקייט, נאָר די שטאַרקייט פון דעם אויבערשטן וואָס ער האָט אָפּגעפּסק'נט אין זיין תורה,

איז בשעת אַז "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך"[87] – בשעת די פעלקער פון דער וועלט וועלן זעהן ווי אַ איד האַלט זיך אָן אין דעם אויבערשטן, און ער באַהאַלט דאָס ניט, נאָר "נקרא עליך" – ער רופט אויס אַז ער וועט שטיין מיט דער גאַנצער פעסטקייט צו מקיים זיין דעם פסק דין פון אויבערשטן – ווערט במילא "ויראו ממך", אַז זיי הויבן אָן צו מורא האָבן פאַר אידן,

"תפול עליהם אימתה ופחד (מצד דערויף וואָס אידן גייען ניט מיט זייער אייגענעם כח, נאָר) בגדול זרועך"[88] – מיט דעם כח פון אויבערשטן, ביז אַז "ידמו כאבן", אַז זיי ווערן ווי אַן אבן דומם וואָס אַליין קען ער זיך ניט באַוועגן, און זיין באַוועגונג איז בלויז לויט דעם רצון פון דעם מענטשן וואָס האַלט אים אין האַנט,

אַז זיי האָבן ניט קיין מאַכט צו טאָן עפּעס אַליין (און עאכו"כ אַז זיי קענען גאָרניט טאָן עפּעס קעגן אידן, און אפילו ניט סטראַשען זיי),

זיי קענען טאָן בלויז די שליחות פון אויבערשטן אויף צו אַרויסהעלפן אידן מיט געלט און מיט נשק און דורך דיפּלאָמאַטישע אַריינמישונגען,

ביז אַז זייער גאַנצע מציאות איז – "והיו מלכים אומניך ושרותיהם מניקותיך"[89], אַז זייענדיק נאָך אין אַזאַ מצב וואָס זיי זיינען "מלכים" און "שרותיהם" (און אידן זיינען באַ זיי אין גלות), איז זייער גאַנצער מציאות צו אַרויסהעלפן אידן אין אַלץ וואָס זיי דאַרפן.

---

82) סוטה יא, א ובפרש"י שם.
83) אבות פ"ב מ"ד.
84) פרש"י ורע"ב לאבות שם.
85) פרשתנו (בהר) כה, ב. ד.
86) ס"ו. וראה שם ס"ז.
87) תבוא כח, י.
88) בשלח טו, טז.
89) ישעי' מט, כג.

אָנהויבנדיק פון "ונתתי שלום בארץ"[90], וואָס דאָס איז די הויפּט-זאַך (וואָס בשעת ס'איז דאָ "שלום" איז דאָ "הכל", וואָרום "השלום שקול כנגד הכל"[91]) – אַז עס וועט זיין דער אמת'ער שלום אומעטום וואו אידן געפינען זיך, און עאכו"כ "בארץ" – בארץ הידועה, וואָס דאָס איז ארצנו הקדושה – די לאַנד וואָס אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט רופן איר אָן מיט דעם נאָמען אַז זי איז אַ הייליקע לאַנד,

ביז צום סיום הברכות, "ואולך אתכם קוממיות – בקומה זקופה"[92].

**לד.** און בכדי צו צוהיילן דעם קיום היעוד "ואולך אתכם קוממיות – בקומה זקופה", איז דאָס דורך דעם וואָס נאָך זייענדיק אין גלות פירט מען זיך אין דער וועג, אַז מען שעמט זיך ניט מיט אידישקייט, נאָר מען גייט מיט אַן אויפגעהויבענע קאָפּ ("בקומה זקופה"), און ווי געזאָגט פריער (סל"ג) אַז "שם ה'" דאַרף זיין "נקרא עליך":

אַז אויך בשעת מען גייט אין גאַס צווישן ניט-אידן, און אפילו ווען מען איז אויף אַ זיצונג פון מיניסטאָרן אָדער אַ זיצונג פון יו-ען, גייט ער בכיסוי הראש,

און אַז מען פרעגט אים פאַרוואָס גייט ער מיט אַ צוגעדעקטע קאָפּ, שעמט ער זיך ניט און זאָגט אַז ער טוט אַזוי ווייל עס שטייט אין תורה[93] אַז כיסוי הראש איז פאַרבונדן מיט יראת שמים, מיט די מורא פאַר דעם אויבערשטן וואָס געפינט זיך אומעטום, אויך אין דעם אָרט וואו עס קומט פאָר דער זיצונג.

און וויבאַלד אַז אויך זייענדיק דאָרט, האָט ער מורא פאַר דעם אויבערשטן וואָס הערט זיך צו צו יעדער וואָרט וואָס ער זאָגט – וועט ער במילא ניט ריידן ח"ו אַ וואָרט וואָס איז היפך האמת, און זאָגן דעם אמת אַז ארץ ישראל איז געגעבן געוואָרן פון אלקי עולם (פון דעם אויבערשטן וואָס איז דער בעה"ב פון דער גאַנצער וועלט) צום עם עולם (צום אידישן פאָלק, וואָס ער איז אַן אייביקער פאָלק וואָס וועט דורכלעבן אַלע גליות און שוועריקייטן, און אַרויסגיין פון גלות גאַנצערהייט, אַז קיין איין און איינציקער איד וועט ניט בלייבן ח"ו אין גלות[94]) אַלס נחלת עולם – אַן אייביקע ירושה,

אַז במשך פון אַלע דורות געהערט גאַנץ ארץ ישראל צו יעדער אידן און צו אַלע אידן, און אַז קיינער קען דאָס ניט צונעמען בּאַ זיי – וואָרום וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט אַזוי באַשלאָסן, איז "דבר אלקינו יקום לעולם"[95].

**לה.** און דורך דעם וואָס מען וועט גיין בקומה זקופה, מען וועט אויפהערן שעמען זיך און שרעקן זיך פאַר גוים און גוי'שקייט,

ובפרט נאָך לאחרי ווי מען האָט געזעהן בפועל אַז דורך דעם וואָס מען גיט נאָך גוים און גוי'שקייט נוצן זיי דאָס אויס אויף שלאָגן אידן רח"ל,

ביז אין אַן אופן ווי עס האָט געטראָפן בימים אלו אין עיר האבות, ניט ווייט פון אברהם יצחק ויעקב, און ביום השבת וואָס ער איז אַ יום קדוש[96], און בשנת השמיטה וואָס זי איז "שבת לה'",

---

90) פרשתנו (בחוקותי) כו, ו.

91) תו"כ ופרש"י עה"פ.

92) בחוקותי שם, יג ובפרש"י.

93) ראה שו"ע אדה"ז או"ח מהדו"ק ס"ב ס"ז. ושי"נ.

94) ראה לקו"ש חי"א ע' 1 ואילך. ושי"נ.

95) ישעי' מ, ח.

96) ראה בראשית ב, ג. יתרו כ, ח וברמב"ן עה"פ. נוסח "רצה" בברהמ"ז. ועוד.

און הלואי זאָל דאָס פועל'ן עכ"פ אַז דערפון זאָל אַרויסקומען אַ שינוי עיקרי אין דער אויפפירונג פון אידן, ביז צו אַ שינוי מן הקצה אל הקצה,

אַז אַנשטאָט דעם וואָס מען האָט געהאַלטן אין איין נאָכגעבן גוים און גוי'שקייט, זאָל מען זיך האַלטן מיט אַ פעסטקייט אין "גדול זרועך" פון דעם אויבערשטן, דורך דערויף וואָס מען וועט זיך האַלטן מיט אַ פעסטקייט אין זיין הייליקע תורה, וואָס זי איז די אמת'ע שטאַרקייט פון אידן – "אין עוז אלא תורה"[97].

**לו.** און דורך דעם וואָס מען וועט זיך האַלטן שטאַרק אין תורה און אירע מצוות,

איז דורך יעדער מצוה – ובפרט דורך אַ מצוה וואָס איז פאַרבונדן מיט חינוך פון אידישע קינדער – איז מען מקרב און מזרז די גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו[98],

וואָס אויך דעמולט וועלן זיין אַ סאַך פעלקער, אָבער זיי וועלן זיין אין אַן אופן פון "לקרוא כולם בשם ה' ולעבדו שכם אחד"[99],

וואָס דאָס טוט זיך אויף דורך דעם וואָס נאָך זייענדיק אין גלות, פועל'ן אידן (דורך זייער גיין "בקומה זקופה") אויף זיי, אַז זיי זאָלן דינען דעם אויבערשטן און מקיים זיין די שליחות וואָס דער אויבערשטער האָט זיי איבערגעגעבן צו אַרויסהעלפן אידן אין אַלץ וואָס זיי דאַרפן.

**לז.** און די התחלה דערפון וועט זיין פון דעם וואָס "יעמוד מלך מבית דוד כו' ויכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בדקה"[100] – וואָס דאָס טוט זיך אויף דורך דעם וואָס איצטער פאַרשטאַרקט מען אַלע זאַכן פון אידישקייט וואָס דאַרפן האָבן אַ פאַרשטאַרקונג ("בדקה"),

און "ילחם מלחמות ה'" וינצח – וואָס דאָס טוט זיך אויף דורך דעם וואָס איצטער האָט מען מלחמה פאַר אַלע זאַכן וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן אויבערשטן, וואָס דאָס איז תורה און מצוות,

און "יבנה מקדש במקומו", ער וועט אויפבויען דעם מקדש אויף זיין ריכטיקן אָרט – דורך דעם וואָס אידן אנטפּלעקן דעם מקדש וואָס געפינט זיך אין זייער האַרץ (דער "ושכנתי בתוכם[38], בתוך כל אחד ואחד"[39]), וואָס דאָס איז דער אמת'ער אָרט פון דעם אמת'ן משכן און מקדש פון דעם אויבערשטן.

**לח.** און אַזוי ווי אין יעדער פסק דין, קען מען ניט יוצא זיין מיט רמזים, נאָר מען דאַרף אים מקיים זיין בפועל

– וואָס צום אַלעם ערשטן דאַרף דאָך דער אויבערשטער מקיים זיין די דינים פון תורה, וואָרום ס'איז דאָך "מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל"[101] אַז פריער איז "הוא עושה" און דערנאָך "אומר לישראל לעשות"[102],

וועט זיכער דער אויבערשטער מקיים זיין דעם פסק דין פון דער גאולה דורך משיח צדקנו,

97) שהש"ר פ"ב, ג [ג]. ובכ"מ.
98) ראה רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ד.
99) צפני' ג, ט.
100) רמב"ם הל' מלכים ספי"א.
101) תהלים קמז, יט.
102) שמו"ר פ"ל, ט.

און בקרוב ממש, וואָרום ס׳איז שוין ״כלו כל הקיצין״[103] – לויט אַלע דעות מוז משיח צדקנו שוין קומען,

און דאָס וועט זיין למטה מעשרה טפחים, ובשמחה ובטוב לבב,

אַז עס קומט משיח צדקנו, ויבנה בית המקדש במקומו, ויקבץ נדחי ישראל, ״והיתה לה׳ המלוכה״[104], במהרה בימינו ממש.

103) סנהדרין צז, ב.

104) עובדי׳ א, כא.

נדפס

לזכות

# כבוד קדושת

# אדוננו מורנו ורבינו

# מלך המשיח

# שליט"א

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד**